# LIVING TORAH

## פרשת יתרו

**בס"ד. שיחת וא"ו תשרי, ה'תשמ"ה.**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

די התוועדות איז דאָך פאַרבונדן מיט אַ יאָרצייט פון אַן אשה בישראל, איז דאָך לכל לראש דאַרף דערפון זיין אַ הוראה בפועל מיט די ענינים מיט וועלכע אַן אשה איז אויסגעטיילט לגבי אנשים.

די אָפּלערנונג איז נאָך לייכטער, בשעת דאָס רעדט זיך וועגן אַזאַ ענין וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן לנשים, אָבער בעצם, מצד החיוב, (ו) [און] אַ חיוב על פי התורה ומצד השכל והסברא וכו' – איז דאָס שוה בזכרים ובנקבות.

וואָס דאָס איז – אָט די דריי מצוות, (אין וועלכע) [די] "שלשה עמודים", וואָס עליהם בית ישראל עומד, וואָס דאָס איז דער ענין פון טהרת המשפחה, און דער ענין פון כשרות האכילה ושתי', און דער ענין פון הדלקת נרות שבת ויום טוב,

וואָס על פי התורה, מצד התורה, איז דאָס שוה בזכרים ונקבות, די אַלע דריי.

אף על פי כן האָט תורה אַליין אָפּגעפסק'נט אין תורה שבעל פה, און ס'איז געוואָרן אַ הלכה אין שולחן ערוך, אַז אמת טאַקע,ביידע זיינען מחוייב בשוה אין די אַלע דריי זאַכן; מצד אָבער וואָס אין דערויף איז "האשה מצוי' בביתה", האָט מען איר אָפּגעגעבן די מצוה פון הדלקת נרות שבת ויום טוב,

על דרך זה, וויבאַלד אַז "(חיטים כוסס) מביא חיטים" דער מאַנסביל, איז "כלום חיטים כוסס"? נאָר ער דאַרף אָנקומען צו "עזר כנגדו", האָט מען אָפּגעגעבן דעם ענין פון כשרות האכילה ושתי' צו פרויען,

ועל דרך זה דער ענין פון טהרת המשפחה. וואָס ביידע זיינען מחוייב מיטן זעלבן שכר, און חס ושלום אויך בהפכו; אָן ווען מען הענגט אָפּ, אַז ס'זאָל זיין דער דיוק בדבר און די **שמירה** בדבר און דער קיום בפועל – הענגט דאָס אָפּ אָן דער **אשה**.

ועד כדי כך, אַז זי באַקומט אין דערויף אַ נאמנות מיוחדת, וואָס בשאר חלקי התורה טראַכט מען איבער צי אַן עד אחד קען זיין נאמן אין אַזוינע ענינים, און דאָ פאַרלאָזט מען זיך אויף אַן איין און איינציקע פרוי בהנוגע צו די אַלע דריי ענינים.

וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז אין דערויף איז נאָך לייכטער אָפּצולערנען, אַז דורך דערויף וואָס מ'איז מחליט אַז מ'זאָל מוסיף זיין בדיוק ושמירה פון די אַלע דריי ענינים, וואָס בפועל (ווערט דאָס טאַקע דורכגעפירט), על פי שולחן ערוך, על פי התורה, ווערט דאָס דורכגעפירט על ידי נשים ובנות ישראל –

איז נאָך לייכטער אָפּלערנען דערפון, און נעמען כח – און נתינת כח – און עידוד דערפון וואָס מ'זעט, אַז די נשים ובנות זיינען מוסיף בכל שלשת ענינים אלו – אויך בהנוגע **לאנשים** ולבנים, אין די ענינים השייכים להם ביחוד, אָדער אין די ענינים המשותפים – וויבאַלד אַז מצד התורה זיינען זיי אין דעם ענין בשוה ממש, און נאָר על ידי וואָס על פי טבע און ווי דער אויבערשטער האָט איינגעשטעלט איז "כל כבודה בת מלך פנימה" איז "האשה מצוי' בבית", איז דערפאַר קומט-צו און מ'גיט-איבער במיוחד די שמירה און קיום פון די אַלע דריי מצוות צו נשים בישראל.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת יתרו

וכאן המקום להזכיר, אַז ס׳איז דאָך דאָ וואָס מצד חושך הגלות איז מען מהפך חושך לאור און אור לחושך,

ביז וואַנענט אַז ס׳איז אַרויסגעקומען אַ בלבול וואָס איז אינגאַנצן היפך פון שכל הישר און היפך פון אמת, אַז כאילו אַז על פי תורה איז דאָ אַן אי-שוויון – ניט-גלייכקייט – צווישן מענער און פרויען,

ועד כדי כך, אַז מ׳האָט אויפגעשטעלט אַ גאַנצע באַוועגונג, אַז מ׳דאַרף "באַפרייען" די פרויען. און מ׳האָט זיך גענומען צו אַזוינע ענינים וואָס זיי זיינען היפך התורה – מיוסד, כביכול, אַז וויבאַלד אַז ס׳דאַרף זיין אהבת ישראל, און ס׳דאַרף זיין אַ שוויון צווישן יעדער מענטשן, וואָס יעדער מענטש איז נברא "בצלם אלקים" – במילא טאָר מען ניט אָנרירן דעם כבוד פון נשים לגבי דעם כבוד פון אנשים.

וואָס תורה האָט דאָס באַוואָרנט און האָט געזאָגט, אַז "לא ילבש גבר שמלת אשה", און די זעלבע זאַך אַן אשה טאָר ניט אָנטאָן קיין שמלת גבר, וואָרום יעדערער האָט זיך זיין גרויסע שטאַנד?? און זיין גרויסע שליחות אין עניני העולם, על אחת כמה וכמה אין עניני התורה, און דער אויבערשטער האָט אַזוי קובע געווען, און האָט געזאָגט, אַז די שלימות און די העכסטע דערגרייכונג פון אַ גבר וועט זיין, ניט ווען ער וועט (נאָכמאַן אַ שמלת אשה) אָנטאָן אַ שמלת אשה, ועל דרך זה בהנוגע לנשים, אַז זייער גרעסטע שלימות איז – ווען זיי וועלן זיין נשים ווי נשים דאַרפן זיין, ניט נאָכלויפן און צוקוקן זיך, ווי אַזוי פירן זיך מענער – אַזוי דאַרפן זיי זיך אויך אַזוי פירן.

וואָס כאמור, די גרעסטע געפאַלנקייט, דער גרעסטער העדר אין הכרת ערך עצמו וואָס ס׳קען זיין ביי אַ מענטשן, איז – ווען ער **יאָגט** זיך, און האָט **מלחמה** דערפאַר, אַז מ׳זאָל אים **צולאָזן** ער זאָל קענען נאָכמאַכן אַ צווייטן מענטשן!

וואָס דאָס געפינט מען, כאמור, אַז מ׳האָט געמאַכט פון אור – חושך און פון חושך – אור:

אָט דאָס וואָס תורה האָט אָפּגעגעבן פרויען די גרעסטע זאַך וואָס ס׳קען זיין, וואָס די גרעסטע זאַך וואָס ס׳איז דאָ באַ "גוי קדוש" און בהנוגע צו "תורה צוה לנו משה", אַז פון דעם דור וואָס איז געווען באַ מתן תורה זאָל צוקומען אַ דור וואָס וועט גיין אין די זעלבע וועגן, און דערנאָך פון דעם צווייטן דור וועט צוקומען אַ דריטער דור וואָס וועט טאָן אַזוי;

ווי אַזוי קען זיין אַ דור לאחרי דעם דור וואָס איז געשטאַנען באַ מתן תורה – מוז מען אָנקומען צו פרויען!



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.